STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04657

IN ARGENTINE

Abraham Moshcovich

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-04657-4

D:\YIDDISH\Titles\9780657046576T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

אברהם מאשקאוויטש

אין ארגענטינע

לידער

פארלאג
„ארגענטינע״

ארויסגעבער:
יעקב שטאָטלאַנד

בוענאס איירעס
1925

פאר דיר מיין טייער צאליקל,
הארציקער בן יחיד מיינער
איז דאס בוך געהייליקט.

ארכיון פאיקין ביבליאָטעק
11.

ווייט, אין ווייט אפגעשיידט
ליגט א לאנד אויסגעשפרייט;
ליגט דאס לאנד אויסגעשפרייט
אין דער לענג, אין דער ברייט.

יונג, נאך יונג איז דאס לאנד,
ווייך און פרוכטבאר די ערד
פול מיט שפע גענערט
רייך און זאט ליגט דאס לאנד.

רייף און פעט איז דאס לאנד,
און איר פעלד מענטש געוונט;
טיף געוואָרצלטער בונד
בינדט דא פעלד מענטש צום לאנד.

און פון ווייט ווייטן לאנד
זינג איך דיכטער מיין ליד;
ס'איז מיין יונג יידיש ליד
פון פארוואָרפענעם לאנד.

און עס טראגט זיך מיין ליד
פון מיין לאנד, פון מיין פעלד;
א גרוס צו דער וועלט
מיין יונג יידיש ליד.

ווי א יונגע גאַלאַנדרינע
אין דער ווייטער ארגענטינע
פול מיט גלויבן
אין מיין הארצן
בין איך פון מיין היים געקומען.

כ'האב געשוועבט אין הויכע רוימען
און אזוי פיל צארטע טרוימען
צארטע ברכות
פון מיין מאמען
וואס איך האב מיר מיטגענומען.

כ'בין דערשוואומען — פרעמדע ברעגן,
פרעמדע היימען, פרעמדע וועגן
אלץ וואס נאענט
ליב און הארציק
איז פון אלטער היים פארשוואונדן.

ווי א יונגע גאַלאַנדרינע
אין מיין ניי־לאנד ארגענטינע
שוועבט מיין הארץ
אין דינעם פלאטער
טויזנט פעדעמדיק געבונדן!

אויף וועגן יונגע — אויסגעפּורעמטע
פון סטעזשקעס יונגערע, נאָך גראַזיקע
גיי איך אום.

מיט צאַרטע דינע טריט
נאָך ציטערדיקע, קינדערשע,
לייכט פעדערדיק
איז מיין ווייכער, בויגנדיקער שפּאַן.

אזוי גיי איך.

גיי איך מיר אזוי
אין טרוימען לאַבירינט
אויף ניי־ערד אום.

זאַנגיק, שפּראָצנדיק
ווי צווייט זיך צייטנדיק
צווייגן יונג.
זוכנדיק,
בענקנדיק,
מיט האַרץ צעפּראַל,
גאַרנדיק,
נשמה פלאַטערנדיק,
מיט אויג פאַרכאַפּט צו פאַרביק,
זון אויפגאַנג.

מיין יונגער שחרית׳דיקער זון אויפגאַנג.

וויסט איר דען איר שטאטיקע
וואס ס'הייסט צו זיין אין פעלד?

ארומצוגיין אויף ווייכער ערד
צי רייטנדיק גאר אויף א פערד
צי גאר שפאצירנדיק אזוי
קאַיאַר אויף פערלדיקן טוי,
א בארוויסער מיט לייכטן טראט
אין שוויינעניש באהעפט מיט גאט,
און ארום דיר איז שטיל און שאַ
און א מין הייליגקייט אזא
אין א מין שטילע, ווייכע רו
אין פעלד אָט דאָ
וואס דא איז דאָ.

דו ווייסט פון דעם ניט שטאָט מענטש דו!

באגינען.

אלץ ארום איז אזוי שטיל
איינגעהילט אין נעבל היל,
נאך ניט טאג און שוין ניט נאכט
ליגט דאס פעלד און טראכט.

בלאנקט דער פערלדיקער טוי
דורך דעם נעבלדיקן גרוי
אויסגעשיט אויף גראזן גרין
אזוי ווייך און דין.

מיט געהיימעניש נעגורט
עפעס ווי פאר א געבורט
גלייך ווי עפעס דארף געשען
ביים מארגנשטערנדיק פארגיין.

שטייען קופּאַלן געהויבן אין הויך זייערע צווייגן.
שטייען זיי שטילע, פאַר׳חלומ׳ט, אין שטום שטילן שווייגן.
שטייען, קיין ריר ניט, גלייך ווי זיי קענען דעם אָטעם ניט ציען —
אפילו די פויגעלאך האלטן זיך אפּ אין דער רגע אין פליען.

נאר אלץ שטייט פארגאפט איצט געווענדעט צום מזרח.
גלייך ס׳וואלט איצט דאס פעלד עפּעס הייליק א שבועה געשוואוירן.
קיין שארך ניט, קיין פּיפּס ניט, קיין בויג פון קיין גרעזל אפילו.
...ש...ש...ש... א גאלדענע זון איז געבוירן.

און אלץ האט אויפגעלעבט צום לעבן
און אלץ האט אויפגעלעבט צום זיין.
פון אלעם ברויזט דאס ליד פון אויפלעב
באהעפט מיט זונעדיקן שיין.

און פאנטאנען שטראלן שפריצן
פאליעס זונעדיקער שטראם
העל צעשפרייטע, אויפגעלעבטע
אויף יבשה, איבער תהום.

שטראמען קוואלן, לעבנס ווילן
אויפלעב, פריידיקער געזאנג.
ס׳ברענגט דער טאג אויף ווייסע פליגל
ליכט און לעבן — אויפלעב קלאנג.

אויסגעצירט מיט טוי בריליאנטן
ליגט דאס רואיק גרינע פעלד,
ווי א ים מיט גרינע כוואליעס
כוואליעט זיך א גרינע וועלט.

אפגעטונקט אין מארגן פרישקייט
אונטער ערשטן זונען שטראל,
פליען פויגעלאך און פראווען
פאר דעם זומער גאט א באל.

טרילט זיין ניגון טערו טערא
בימשא פעא, ס'וויפטשעט באלד,
און די קליינע גאלאנדרינע,
לארט די געסט איין פונם וואלד.

און עס הויבן אן צו קומען
געסט פון נאענט, געסט פון ווייט
און אין רונדיקע זיג־זאגן
שליסט זיך אויס א פויגל קייט.

און געלאזט זיך ווי א וויכער
אין איין רייע, פאר צו פאר,
און פון געליגקן קאנאריק
ווערט געפירט דער פויגל כאר.

פולט די לופט זיך אן מיט לידער
פון נגונים אלערליי
און ס'צעטראגט זיך איבער פעלדער
פויגלשער קאיאר באריי.

עס גייען פיר פערד אין דעם אקער געשפאנט
עס פירט זיי א יונג א געזונדטער.
דאס מעסער עס שנייט זיך איין טיף אין דער ערד,
דער בחור א לידל זינגט אונטער.

און אטאָ דערזעט ער זיין חנה'לען דארט
זי ציט שוין די קו פארן אייטער,
און ס'פליסט זיך די מילך אין קריגל אריין
דער קאלב שפרינגט ארום א פארשייטער...

און ס'נאגט אים דעם בחור ביים הארצן אזוי
דעם אקער אין פערד לאזט ער איבער,
לויפט ער דער בחור, און יאגט זיך אויף גיך,
און יאגט זיך אויף גיך צו זיין ליבער.

— גוט מארגן מיין טייערע! — וואס טוסטו מיין גאלד?
און ס'האבן זיך ליפן פאראייניקט
און ס'האט אין צוויי הערצער באגינען אין פעלד
טויזנטער גליקן געקעניגט!..

ס'האט דער יונגער
ערשטער זון שטראל
דורך ערגיץ א שפארונע פון מיין טיר
צו מיר אין שטוב זיך ארײנגע'גנב'עט
אין א גאלדענעם פאס אין דער מיט פון דער פינסטערניש
אין מיין שטיבל געמאכט.
און ווי א שטיקל גאלדיק זזיקע סטענגע
זיך ברייטלאך אויף מיין פנים צעלעגט.
האב איך מיינע פארשלאפענע אויגן אויפגעעפנט,
האט א שטיק גאלד מיר א בלענד געטון:
טאג! — — —
האב איך זיך פריש אויסגעצויגן.
און אויסגערופן:
פריד צו דיר מיין לעבן!
פריד צו דיר מיין דערלעבטער טאג!

אז דער ערשטער שפּראָץ פון טאג
האט זיך אין ראז קאליר ביי מיר אין פענסטער אפגעשפּיגלט,
האב איך די טיר מיט ברייטקייט אויפגעפראלט.
און אז איך האב די טיר געטון אזוי אן עפן
האבן זיך פריש דערקוויקנדיקע שטיקער לופט
אין מיינע לונגען אריינגעשפּארט,
און מיין הארץ ברייטער געמאכט,
און מיין מח קלערער,
און מיינע אויגן ליכטיקער,
און פון אלע זייטן זענען מיך שטראלן זון באפאלן,
און אויף מיין האלז זיך ארומגעהאנגען
און אויף מיין קאפ מיר געלויערט
און מיינע פארשלאפענע אויגן מיט גאלדענעם וואסער געוואשן,
און אין מיינע ליפּן מיך געקושט...
און ווי גאלד זילבערדיקע פויגעלאך
אויף מיין קאפ און אקסל זיך צושטעלט.
זון. זון. זון.
בין איך אליין א שטראל געווארן.
און אזוי האב איך א שטראל — א שטיק זון
איבער פעלדער געשלייכט זיך!...

א זוניקער טאג, א גאלדענער טאג,
א טאג פון דער פרייד אין מיין הארצן!
אין זוניקן טאג, אין גאלדענעם טאג,
א פרייד איז אין אלעמענס הארצן!

אין זוניקן טאג, פארשווינדט דאך די קלאג,
פארשווינדט דאך די קלאג פון מיין הארצן!
דער זוניקער טאג, דער פריידיקער טאג,
צינדט לעבן אין אלעמענס הארצן!

א לעבן אויף דיר דו זוניקער טאג,
דו ליכטיקער טאג אין מיין הארצן! —
נו, זינגט זשע א הימן דעם זוניקן טאג
א זון שיינט פון אלעמענס הארצן!

איך בין אזוי ביי זון אויפגאנג געשטאנען צווישן וועגן,
און ניט געוואוסט האב איך, אויף וואסער וועג איך זאל זיך נעמען,
און ניט געהאט האב איך צו פרעגן דא ביי וועמען —
וואו זשע פירן אט די אלע וועגנס שטעגן?

האב איך גלאט אזוי אין דער וועלט אריין פון מיר ארויסגעשריגן.
האט מיין קול זיך ווי א שוואלב אין הויכקייט פלאטערדיק צעשוואומען
און תיכף איז מיין אויסגעשריי צו מיר צוריק געקומען
און ווידער אזא עלנטקייט האט אלץ ארום אנטשוויגן.

שטיי איך דא א עלנדער, ביי אנהויבן פון וועגן.
ציען ווי מיט צוואנגען מיך זייערע שלענגלדיקע שטעגן
און רופט מיך: פארבייגייער, מיר וועלן ניט פארפירן!

נו, לאז איך זיך מיין הפקר גאנג אויף שטראלנדיקע וויטן
און פון מיין זשמעניע אוצרות זון כ׳צעשיט אויף אלע זייטן
און ס׳גאלדיקט זיך פאר מיר מיין וועג אין גאלד זוניקע קאלירן!

איך קום פון לאנד פון זוניקן
א באלאדענער מיט שיין —
איך נויטיקט זיך דאך ווי אזוי
אין לויטערדיקן שיין!

איך האב דערפילט דארט אייער ווי,
אייער פינסטערניש דערזעען!
נו בין איך איצט מיט קלארן שיין
געקומען דא צוגיין!

נו קומט זשע אלע דא אהער!
נו קומט צו מיר אריין! —
נאר ווייסט, ווער ס'וויל פון קלארן שיין
באדארף דאס זוכה זיין!

נו, קיינער קומט ניט? זענט איר טויב?
בלינדע — איר ווילט ניט זען?
זעט, איך האב דאך אייך געבראכט
אזוי פיל קלארן שיין!

שקיעה.

ווי רואיק עס ליגן די פעלדער,
אין אוונט ווען זון רויט פארגייט.
ווייט, ס'ארא אומעט זי שפרייט
אין פארנאכט אויף די פעלדער.

און שטיל, אזוי שטיל ליגן פעלדער
ווען טאג מיט דער נאכט זיך צעשיידן:
די פעלדער, זיי ליבן דאך ביידן,
אי דעם טאג, אי די נאכט פון די פעלדער!

נו, ווער זשע פילט דען דעם אנגסט פון די פעלדער
אין אוונט ווען זון רויט פארגייט?
ווען טאג מיט דער נאכט זיך צעשיידט
פארנאכט אויף די פעלדער?

קיינער פילט ניט דעם צער פון די פעלדער!
ווען פלאמענדיק, שקיעה'דיק רויט,
ראנגלט זיך לעבן מיט טויט,
ביי שקיעה, פארנאכט אויף די פעלדער!

אין פארנאכטן גאלד געהילט, גיי איך ארום איןברייטן פעלד,
און אין מיין זעל, א דאנקבארקייט צו גאט;
אן אויסגעלייזטער פון דער גרוי באשטיינטער שטאט,
גיי איך א פרייער אום אויף ווייך באגראזטן פעלד.

און כ׳פיל אין יעדן טראט, אן אייביקייט פון רו,
א ציטערדיקע פרייד אין יעדן שארך און ריר,
און עפעס אזא הייליקייט עס דרינגט אין הארץ צו מיר —
געבענטשט זאל זיין דאס פעלד, און אלץ וואס דא איז דא!

און באהעפט איך ווער מיט הארציקן געגאד
און אויפגעלייטערטער, נשמה׳דיק און גוט,
און שטילער, רואיקער, פליסט איר מיר מיין בלוט,
און כ׳ווער פאר זיך אליין, פאר זיך אליין א סוד — — —

און רחבות׳דיק עס שפרייט דאס פעלד זיך פאר מיין אויג,
ס׳ארא גרינע, בשמים, בליענדיקע וועלט! —
און דא, אין רואיקייט געהילט, ביי שקיעה צייט אין פעלד,
פאר דיר מיין גאט, מיין קאפ, מיט פורכטיקייט איך נויג!..

שטילער אָוונט, מנחה צייט,
ווי אַ פֿאָדים דינע זייד,
שפּינט זיך ערגעץ אויס די רו —
אָוונט רו.

אפשר אין מיין הארצן דאָרט
איז פֿאַראַנען יענער אָרט
וואו עס שפּינט זיך אויס די רו —
שטילע רו.

און איך בין דאָס דער וואָס שפּינט
און צעשיק אויף פֿלינקן ווינט,
פֿאַר דער וועלט פֿאַרנאַכטן רו,
רויִק רו.

קינדערלאך אין מאמעס שוים
רוען אברימלאך זיך אויס,
שמייכעלאך פארוויגט אין רו —
טרוים און רו.

און אזוי דער אוונט שפרייט
וועבט חלומות שטילערהייט,
זאגט אזוי פיל גליקן צו —
אין דער רו.

שטילער אוונט מנחה צייט,
ווי א פאדים דינע זייד,
שפינט זיך ערגיץ אויס די רו
אוונט רו.

פארנאכט — — —

איך גיי זיך אין פעלד צווישן גראזן און בלום
אזוי גיי איך זיך שעה'ען נאך שעה'ען ארום
ווען די זון לאזט אין מערב פאמעלאך אראפ
אירע פלאמיקע שטראלן וואס טונקען זיך אפ
אינם וואסער פון טייכל וואס רינט אזוי שטיל
ביים ענדע פון וועלדל דארט אונטער דער מיל — — — —
און ס'דוכט זיך: די שטראלן זיי בלייבן שוין דארט
ביז מארגן באגין אויף דעם זעלביקן ארט
און שלאפן זיך איבער שוין דארטן די נאכט
פון וואסער געמורמל פארוויגט אזוי זאכט
און מארגן פון וואסער זיי קומען ארויס,
פריש אויסגעבאדן פון קלאר טייכלס שוים — — —
און וועלן צום מזרח אזוי א שפרינג טון
וועט ווידער א טאג זיין פון ליכט און פון זון!..

פארנאכט — — —

אזוי גיי איך אין פעלד מיט געמאסטענע שריט
ניט געאיילט און פאמעלאך און צייל יעדן טריט;
און איך שלינג ווי א הונגעריקער איין שטיקער לופט
ווי געשמאק ס'איז דער נאכטמאל, פון פעלדיקן דופט
נאך געשמאקער פון ווײַן און פון בעסטן געטראנק,
פאר'שכור'ט איך ווער און איך פיל אזוי באנג;
און ס'ווערט מיר מיין הארץ אזוי גרינג אזוי לינד
אזש וויינען עס ווילט זיך אזוי ווי א קינד!..

פארנאכט — — —
עס ווערט אלץ דאס פעלד מער אין שאָטנס געהילט
אויף א צווייגל א פויגעלע קריעת שמע טרילט;
איך ווענדע מיין אויג אום אויף יעדערער זייט,
פאר מיר ציט א פעלד זיך אויף מיילן די ווייט,
א פעלד און א גרינס, ווי מיין האפנונג אליין,
מיר דוכט: ס'איז דאס פעלד אויך מיין מאמע געווען!..

גאכט — — —
איך ליג אויסגעצויגן אויף די גראזן פון פעלד
מיר דוכט איך בין איינער אליין אויף דער וועלט, —
ווער זאגט דאס אז ערגיץ פאראנען איז שטאָט
מיט זינדיקע מענטשן — עס איז בלויז א סוד
וואס ס'האט מיר דאס ווינטל אין אויער איינגערוימט
ווען איך בין געלעגן פאר'שכור'ט, פארטרוימט;
ס'א ליגן! — ניטא איז קיין מענטשן, קיין שטאָט,
פאראן איז מיין פעלד נאר וואו איך בין א גאט!...

א לויב געזאנג.

קאלאניסטן יידישע
א געזונט אין זייערע ביינער
ווי זיי פארדינען, ערליכער
דאס ברויט פארדינט ניט קיינער.

זייערע הארעפּאשנע הענט
אין בלאטע אויסגעשמירטע,
זענען שענער פון די ווייסינקע
מיט דימענטן באצירטע.

זיי זענען אנגעקומען דא
פון לענדער ווייט צופארן;
איז דאס ארגענטינע לאנד
זייער נייע היים געווארן.

און געטראפן שטרעקעס ערד,
ווילד און פוסט, פארלאזן.
ניט קיין וועג און ניט קיין שליאך
נאר הויכע ווילדע גראזן.

זענען זיי צו נייער ערד
געוואָרן צוגעבונדן,
איר אין רייכטימער צובליט
מיט בלוט פון זייערע וואונדן!..

איצטער ליגן שטרעקעס ערד
גדלות'דיק צושפּרייטע
אין דער לענג און אין דער ברייט
מיט תבואה פול פאַרזייטע!

איצטער ליגן שטאָלץ צובליט
אַרגענטינער וויסטן —
אויסגעוואַקסן איז אַ דור
פון יונגע קאָלאָניסטן.

און עס איז אַ פרייער דור
אַ יידישער אויפגעקומען.
קאָלאָניסטן יידישע
געליבט איז אייער נאָמען!

א קאלאניע.

שטיבלאך ווייסע אפגעקאלעכט
נידריק און קליין,
יעדער שטיבל אפגעזונדערט
שטייט פאר זיך אליין.

און די שטיבלאך צווישן בוימער
פון דער זון פארשטעלט;
אויבן הענגט א בלויער הימל,
אונטן, גרינט דאס פעלד.

און פון ביידע זייטן שטיבלאך
ליגט דער וועג אין מיט,
גייען אום די קאלאניסטן
מיט זייער פעסטן טריט.

און פון יעדן איינעמס פנים
שיינט אראפ די רו —
ס'וואוינען דאך געזונטע, שטארקע,
קאלאניסטן דא!

אין שטוב פון קאלאניסט.

א מחיה איז אריינצוקומען אין שטוב פון קאלאניסט,
פארהארעוועטע מי בלאנקט פון יעדן ווינקעלע ארויס,
און ס'שוועבט א פרומע ערליכקייט ארום אין גאנצן הויז
א מחיה איז אריינצוקומען אין שטוב פון קאלאניסט!

דו קומסט אריין, מען נעמט דיך אויף, גוט מארגן פריי און ברייט.
און תיכף טראגט מען אונטער דיר א גלאז מיט פעטע מילך,
און ברויט מיט פוטער, סמעטענע, און קעז און וואס דו ווילסט,
און אלץ איז אזוי פריש מיט הענט מיט אייגענע געמאכט!

דו זעצט אוועק זיך ביי א טיש, א פראסטן ברייטן טיש,
און ארום דיר א הויז געזינד, א הארציקע אזא,
און אמת'דיק איז יעדער ווארט וואס מ'רעדט ארויס צו דיר,
און ברייט דאס הארץ פון יעדערן וואס רינגלט דיך ארום

און אפן שטייט פאר דיר די טיר, אט ווער דו זאלסט ניט זיין,
עס מאכט ניט אויס פון וואנען קומסט, פון וואסער וואנדער וועג
און קיינער פרעגט ביי דיר ניט אויס אט ווער און וואס דו ביזט,
אבי דו קומסט, א גוטער גאסט, רו ביזט ביים קאלאניסט.

א מחיה איז אריינצוקומען אין שטוב פון קאלאניסט
פון יעדן ווינקל בלאנקט ארויס פארהארעוועטע מי,
און טויזנט מאל געבענטשט זאל זיין דער ערשטער אין דערפרי
וועז די שוועל באטראטן כ'האב, ביים שטוב פון קאלאניסט.

א שבת אין קאלאניע.

שבת אין קאלאניע,
איז שבת אויך אין פעלד,
פילט זיך שבת אומעטום —
א שבת'דיקע וועלט!

הייליק איז דער טאג דאך היינט
עס ארבעט קיינער נים,
ס'איז דאך אין קאלאניע
פרום איעדער ייד.

זעט זיך היינט נים אויפן וועג
קיין סימן פון קיין פור,
ליגט דער שליאך זיך רואיק שטיל,
פון רייטער נים קיין שפור.

ווען נים ווען נאר פארט אדורך,
א גאוטש רייטנדיק.
זינגט זיך שטיל און מאנאטאן,
א ניגון פייפנדיק.

פארט דער גאוטש נאר אדורך
דאן ווידער רואיק בלייבט,
ווייט אין קאמפ א שגצ'ל
די קי צום פאשען טרייבט.

לעגן זיך די קי אויף דר'ערד
און מאלעגערען פויל,
מעקען שטיל די קעלבעלאך
און דרייען מיטן מויל.

ליגט זיך אויך דאס שעפ'ל
אין מיטן גראז אראפ,
ליגט און קוקט צום הימל הויך
די זון די ברענט אים אפ...

און אויבן אויך די זון
האט ברייטער הימל געשפרייט,
אויפן שטראלן [illegible]
אויף יעדן בוים און קרייט...

שיינט זי פולע שטראלן זון
אין יעדן יידיש הויז,
לויערט ביי דער טיר פון שול
דא הערט זי תפילות אויס...

זיצן יידן אלטיטשקע
מיט זילבער בערד ווי שניי,
שיינט אויף זיי די שבת זון
און דאוונט מיט, מיט זיי!

שבת אין קאלאניע
איז שבת אויך אין פעלד,
פילט זיך שבת אומעטום
א שבת'דיקע וועלט...

ביינאכט אין קאלאניע.

שטיל איז די נאכט און פארכשופט
די בוימער זיי שטייען פארטראכט.
עס שטייען די שטיבלאך פאר'חלומ'ט
און הערן דעם סוד פון דער נאכט...

גרינינקע גרעזעלאך דרימלען,
עס וויגט זיי פאמעלאך דער ווינט,
פון ערגעץ א שטיבאלע הערט זיך
א וויינענדיק קול פון א קינד.

עס הערט זיך א פאטשן פון פליגל,
א האן שרייט אויס קו־קו־ריי־קו,
און ס'ענטפערן אפ אלע העגער
אין געקריי: „האלבע נאכט איז שוין דא"!

און ס'דראפען זיך קעץ אויף די דעכער
און מאכן געוואלדן „מיאו־מיאו
די הינט לויפן אום אין די הויפן
און בילן אין נאכט אויס „האו־האו".

עס הערט זיך א מעקען פון קעלבלאך
פון ווייטנס הער רויש פון א מיל,
עס שפרינגען די פערדלאך און הירזשען
און ס'קלינגט אפ דער עכא אין דער שטיל...

שטיל איז די נאכט און פאר'כשופ'ט
עס שטייען די בוימער פארטראכט.
עס שטייען די שטיבלאך פאר'חלומ'ט
און הערן דעם סוד פון דער נאכט!..

אין א רעגנדיקן טאג.

איך האב ליב אזא מין טאג ווען בלייאיק איז דער הימל
און אין דרויסן גייט א לייכטער דריבנער רעגן,
זיץ איך מיר אזוי ביים פענסטער פון מיין שטיבל
און קוק ארויס דארט אויף די נאסע אויסגעוויקטע וועגן.

זיץ איך מיר אזוי ווי דער אלטער איטאליענער
חלומדיק, געבויגן, דויבער פויל מיין ליולקע,
קרייזלט זיך דער בלויער רויך ארום פאר מיינע אויגן,
וועלכע קוקן נאך דארט עפעס, א פארבייפארנדיקער סולקע...

שלעפט זיך דארט די סולקע, שפריצט די ווייכע בלאטע
און — — — האָ? — — — ס'האט עמיצער גערופן?
ס'ווייזט אויס אז איך בין לאנג, ביים פענסטער דא געזעסן,
און אזוי נעשמאק איך בין דא איינגעשלאפן...

איך האב ליב אזא מין טאג ווען בלייאיק איז דער הימל,
און דרויסן גייט א לייכטער דריבנער רעגן,
זיץ איך מיר אזוי ביים פענסטער פון מיין שטיבל
און קוק ארויס דארט אויף די נאסע אויסגעוויקטע וועגן...

אויף צוואַקערטער שוואַרצערד.

ליב האָב איך אַרומצוגיין אויף צוואַקערטער שוואַרצערד,
דאָס העמד ברייט צעכראַסטעט מיט נאַקעטער ברוסט קעגן זון פריי צעעפנט,
די אַרבל פאַרקאַטשעט ביז האַלב עלנבויגן,
מיט באָרוויסן טראַט. —
פריי!

און פריי שפּילט הער ווינט זיך מיט מיינע צעפּאַטלטע האָר אין אַ ווינט־שפּיל
און זינגט אַזאַ ווינטיקן ניגון און אויער אַריין מיר,
און דרייט זיך אַ טאַנציקער אום אַרום מיר, ווי אַ חונף
און קילט מיר מיין אָנגעברענט ליב, פון דער זון, און דערפרישט מיך!
און איך אַליין, גיי אַזוי אום, און שעפּ נחת פון צוואַקערטער שוואַרצערד,
און בענטש יעדן שפּראָציקן זאַנג,
דאָס געבורט פון צוואַקערטער שוואַרצערד'ס געדערים,
און זינג אַ ליב ליד דער ערלעכער אַרבעט
און זינג אַ ליב ליד דער מי און דער פּראַצע
פון פעלד מענש,
וואָס ער האָט
די פעלדער פאַראַקערט,
פאַרזייעט,
באַשניטן,
און שפּע פר וועלטן פאַרגרייט!
אַ ברכה אין דיינע הענט האָרעפּאַשנע
דו ערלעכער פעלד מענטש!

די צייט פון אויפשטיין צו דער ארבעט.

קיינער דארף דעם פעלד מענטש ניט אויפוועקן פון זיין שלאף.
ער ווארט ניט ביז ס'וועט ערגיין וואו א קרייע טון א האן,
זיין ערשטן קריי אויף טאג
אז ער, דער פעלד מענטש זאל דערהערן.
אפילו ניט די טעמפע אויסגעקלינגטע שעה'ן פון א זייגער.
און קיינער דארף ניט שטיין ביי זיין צעקאפנס, און אים טארען,
„הער שוין שפעט"!
נאר עפעס איז ער שוין אזוי צענויפגעהעפט מיט טאג געבורט,
אז ער, דער ערשטער איז, וואס ער דערפילט די וויען,
פון גאלד זוניקן געבורט.
און איידער נאך די זון באווייזט איר שטראליק פנים
גייט ער שוין דער פעלד מענטש, איר, דער יונגער זון אנטקעגן,
מיט הארץ און ארעם ברייט צעעפנט.
און יונגער טאג און פעלד מענטש נעמען זיך ארום,
און איינס דעם אנדערן, אזא ברייטן הארציקן גוט־מארגן! —
און זיי, די מיט טוי באשפרענקלטדיקע פעלדער
ברייטער ווערן נאך פאר פרייד,
און גרויסן זיך ווען זיי דערפילן איבער זיך,
דעם טראט פון פעלד מענטשס פיס,
א היי!
עס איז דער פעלד מענטש אויפגעשטאנען שוין
און נעמט זיך צו דער ארבעט!

ווינטערדיקער מארגן, סוף פון חודש תמוז,
אין טומאנען פריע, דורכזיכטיק און גרוי,
ליגן נאך די פעלדער, איינגעהילט, פארשלאפן,
ווי געהעפט זייער צודעק פון בריליאנטן טוי.

און פאר יעדן שטיבל פון די קאלאניסטן,
אקער אייזנס שטייען, צו דער ארבעט גרייט,
ס׳בלאנקען זייערע נייע, אנגעשארפטע מעסערס —
און ארום איז אזא רוע רו פארשפרייט.

און אין די קליינע שטיבלאך, עפעס א גערודער,
ס׳זענען קאלאניסטן צור ארבעט אויפגעשטאנען,
עפנט מען די טירלאך, פריש, געזונט, און מונטער
שפאנען קאלאניסטן אין פראסטיקע טומאנען.

מ'האָט [illegible] [illegible] דאָס פֿעלד, אַ ווילדער גלאַנצין;
דאָס טרייבט דער פֿערד יונג שוין, די פֿערד [illegible] [illegible] אַרויף,
און ס'קנאַלט דער לאַנגע בייטש, און אויסגעדרייט אין דער לופֿטן,
און ס'הערט זיך [illegible] [illegible] [illegible] קלאַנג פֿון [illegible] געלויף.

און [illegible] איז דאָס [illegible] אין [illegible] [illegible] [illegible],
[illegible] [illegible] [illegible], [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]
און דורך [illegible] [illegible] [illegible] די [illegible] [illegible],
שטייען און [illegible] די פֿערד [illegible] [illegible].

און אַז די פֿערד און [illegible] [illegible] זיינען געשפּאַנט,
און [illegible] [illegible], [illegible] [illegible] [illegible],
וועט זיך [illegible] קאַלאַנטשעס [illegible]
און לאָזן זיך אין [illegible] [illegible] ווייטער [illegible].

און [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] שלאָגן
און דער ערד [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] שטראָם,
און דער קאָלאַניסט ברומט שטיל פֿאַר זיך א ניגון
און אין זיין האַרץ איז [illegible] [illegible] צעשפּרייט.

ליגן די פעלדער די יידישע
ווייט אין דער לענג און דער ברייט
ליגן מיט גדלות באפרוכפערטע,
פון יידן, פון יידן פארזייט.

א ברכה, א ברכה, א הייליקע,
שוועבט אויף די פעלדער ארום,
עס האט דאך דער ייד ביים פארזייען די
תפילה געטון אזוי פרום.

גאט, גאט דו מיין הארציקער,
זע וויפל מי, וויפל צער!
איך בין דאך א ייד אן ארימער,
בענטש זשע מיין ארבעט, מיין האר!

זאלן די רעגנס באגיסן
די פעלדער באטרינקען צו זאט,
זאל זיין דער זאנג א געראטענער
גאט, דו מיין הארציקער גאט!

שווער,
אזוי ווי שוואנגערדיקע פרויען
וואס טראגן אין זייערע נערערים
די זאמען פון באפרוכפערונג,
אזוי ליגן די פעלדער
מיט רחבות צעשפרייטע,
און ווייזן מיט שטאלץ פאר די הימלען,
די פרוכט פון די זאמען,
זייער שפראצונג,
יונגינקע,
גרינינקע,
זאנגען,
בחיוט פאר דער וועלט!

יאגט פארשייט אַרום אַ ווינטל
שטיפעריש אין ברייטן פעלד,
און די זאנגען, שטיל, פאַר'כשופ'ט
אזא מעשה'לע ס'דערציילט:

,,אַמאָל דאַ אויף די זעלבע פעלדער
פאַראַיאָרן ב'חאָב געזען
זאנגען גאלדענע זיך וואקסן
אַט ווי איר איצט, שלאַנק און שיין.

גאַנצע טעג און נעכט געווינט זיך
נים געוואָרן קיינמאָל מיד
און אַ גאָלדן טרוים געטרוימט זיך
ביז ס'געקומען צייט פון שניט.

אַז די צייט פון שניט ז'געקומען
האָט מען עפּעס זיך געגרייט
אָנגעשאַרפט אַזוינע מעסערס
וועלכע שניידן טיף און ברייט.

זעגט אַנטקעגן שניטער
מיט מאַשינען און מיט פערד
און געשניטן ווייץ זאַנגען
און געוואָרפֿן זיי אויף דר'ערד.

און די זאַנגען שטיל זיי בעטן
שניטער, שניטער, שנײַדט אונדז נים!
נאָר די שניטער שנײַדן פֿריילעך
זינגענדיק דערבײַ א ליד.

און געקוילעט ס'בלײַבן ליגן
בינטלאַך זאַנגען, ווי א שרעק,
און מען לייגט זיי אויף א פֿור
און מען פֿירט זיי וואו אוועק!"

אַז דאָס ווינטל האָט געענדיקט
און ס'אַוועק מיט ווייכע טריט,
האָבן זאַנגען זיך געשושקעט:
ס'ליגערט שוין אויף אונדז דער שניט.

תבואה שניט.

שטייען אויף די פעלדער צייטיק שוין די ווייצן,
שטייען אויף די פעלדער צייטיקע די ליאַנען,
ס'האָבן קאָלאָניסטן איינגעקויפט שוין זעק און פאַדעם,
און די שנייד און דרעש מאַשינען צוגעגרייט, שטייען אין גאַלפּאַנען.

פון קאָלאָניע און שטעטל איילן קאָלאָניסטן,
איינצוקויפן דאָרטן זשערבא און גאַליעטן;
מאָרגן דאַרפן צו דער ארבעט די פּעאָנעס קומען,
דאַרף מען זיי מיט עסן, און מיט טרינקען דאָך פאַרגרייטן.

גייען קאָלאָניסטן פרייליכע ארומעט,
און אין הארצן בעטן: „גאָט כאָטש מיט הצלחה!
זאָל די צייט פון שניט זיין, טרוקן און געראָטן,
ניט קיין ווינטן, ניט קיין רעגנס, מזל גאָר און ברכה”!

און איבער דער קאָלאָניע איז א זונען ליכט צוגאָסן,
שטייען שטיבלאך איינגעהילטע אינם זונעדיקן שיין,
און אין די שטיבלאך ארום טישן טרינקען קאָלאָניסטן
לחיים! — „אין א גוטער שעה די צייט פון שניט זאָל זיין”!

שטייען אויף די פעלדער צייטיק שוין די ווייצן,
שטייען אויף די פעלדער צייטיקע די ליאַנען —
און אז דו שטייסט און קוקסט זיך אויף די ברייטע פעלדער
טראַכסטו: וויפל מי און פּראַצע, יידישע מיליאָנען!

א ים מיט גאָלד ליגט אויסגעשפּרייט
זאנגען גאָלד, זאנגען גאָלד! —
שניטער יונגען פול מיט פרייד
שניידן גאָלד, שניידן גאָלד!

ס׳טינקט דער בליק זיך אין א וועלט
בלויז פון גאָלד, בלויז פון גאָלד!
ס׳איז דער ווייץ דאָך אויפן פעלד
שטיקער גאָלד, שטיקער גאָלד!

זיצן די זין קאָלאָניסטישע,
אויף די מאַשינען און שניידן;
גאָלדענע ווייצן שוין צייטיקע,
לאַנגזאַם די פערדלאַך זיי טרייבן.

ס'גייען די פערד שוין פאַרמאַטערט,
די קעפּ צו דער ערד איינגעבויגן,
גייען, שוין גלייך אינם צירקל,
ווי בלינדע פאַרמאַכט מיט די אויגן.

און די מאַשינען שטיל רוישן,
און וואַרפן די סנאָפּעם געבונדן,
ביז וואַנען די זוניקע שטראַלן,
ווערן דאָרט ערגיץ פאַרשוואונדן.

און אז ס'ווערן די שטראַלן פאַרשוואונדן,
דער אָוונט, אויף פעלדער פאַרשפּרייט זיך,
ווערט באַלד די אַרבעט געוואָרפן,
און יעדער צו זיך אהיים רייט זיך.

יעדער צו זיך אין קאָלאָניע
איבער די פעלדער זיי יאָגן,
פון גאַנצן טאָג אַרבעט צופרידן
א פרייד אין זייער הארצן זיי טראָגן.

און ס'שפּרייט איבער זיי זיך דער הימל
אין פלאַמיקן רויט אָנגעצונדן,
און ביסלעכווייז, ביסלעכווייז ווערט זיך דאָרט
ערגעץ דער טאָג וואו פאַרשוואונדן!

ליגן געשניטענע זאנגען אין סנאָפּעס צוזאמענגעבונדן
אין מיטן דעם פעלד.
עס האָבן די שניטער זיי איבערגעלאָזן ביז מאָרגן באגין
אליין אויף דער וועלט!

און מאָרגן וועט קומען א פור מיט שלאנקע פיר פערד איינגעשפּאנט
מיט א גרעבליע פארגרייט,
און אָנלעגן וועט מען א פולע די פור, אין דער הויך,
אין דער לענג, אין דער ברייט.

און הויך וועט א קנאל טון דער פור־יונג אין דער לופט מיט זיין בייטש
צו די פערד א געשריי!
אזש אָפּקלינגען ס׳וועט אינם פעלד פונם עכא דאס קול
אָהיי! אָהיי!

און ס׳וועלן א ריר טון די פערד מיטן וואָגן
און זיך געבן א דריי —
לעבעדיק איז דאָך די וועלט ווען ס׳איז שניט צייט אין פעלד
אָהיי! אָהיי!

11.306 פ

ס'האָט די זון זיך היינט צעפלאַקערט
ברענט ווי פייער אָפּ! —
אויף דער פּאַרווע ווייץ שטייט חיים
און לעגט סנאָפּ אויף סנאָפּ!

רינען טראָפּנס שווייס פון שטערן
אים אין מויל אריין
ס'איז געזאַלצן, שלינגט זיי חיים
אנשטאָט וואַסער איין.

ברענט די זון ווי הייסע פלאַמען
בראַט און גליעט שטאַרק...
ברענט זי חיים'ען אָפּ זיין פּנים
בריט אים אין זיין קאַרק.

ס'בלאָזט קיין ווינטל ניט אפילו
דושנע, שטיקנדע, הייס.
אַרבעט חיים אויף דער פּאַרווע
שלינגט אין זיך דעם שווייס.

וואָס־זשע אַרט די היץ דען חיים'ען
שרפה'ן זאָל די זון —
חיים לאַכט זיך אויס פון היצן
ער איז פון פעלד א זון!

חיים איז א יונג מיט ביינער
מוסקלען פעסט געבויט! —
זינגט זיך חיים אויף דער פאַרווע
זינגט דאָס ליד פון ברויט!

ווערט די פאַרווע הויך און העכער
ס'פעלט שוין ניט קיין סך.
אַרבעט חיים גיך און גיכער,
שוין געדעקט דעם דאַך.

שוין געדעקט דעם דאַך פון פאַרווע
איז די זון פאַרגאַן!
רייט זיך חיים אויף זיין סאַינאַ
אין זיין היים אריין.

און א קיל פאַרנאַכטיק ווינטל,
קושט זיין פנים אויס,
צערטלט אים ווי א ליבע כלה,
טוליעט אין זיין שויס.

אויסגעשטעלט ווי פּיראַמידן,
שטייען פּאַרוועס אין דער ריי.
שטייען זיי צו פיר, צו פינעף,
און צו דריי.

און ווי קליינע גאָטש ראַנטשעס
איז זייער אויסזען, זייער געבוי,
ווענט פיר קאַנטיק, דעכער שפּיציק,
ווייץ און שטרוי.

און אַט אין די תבואה פּאַרוועס
וויפל האָפענונגען ליגט,
אין יעדן סנאָפּ א טרוים א גאָלדנער
איז פאַרוויגט.

יעדע פּאַרווע א חלום פּאַלאַץ
אויפגעשטעלט! —
קאָלאָניסטן גרייטן שפּע
פאַר דער וועלט!

צווישן די פּאַרוועס די דרעשמאַשין שטייט שוין געגרייט אויף איר רויב
די ציין אָנגעשאַרפֿט.—
און אײנציקווײז שלינגט זי די סנאָפּעס מיט ווייץ אין איר מויל
וואָס עמיץ איר וואַרפֿט!

און קייענדיק ברומט זי און ברומט ווי א חיה פֿאַרהונגערט
דאָרט וואו אויף א באַרג!
און וויפֿל מען שטאָפּט איר גיט בינטלאָך מיט ווייץ אין איר מויל
און נאָך איז איר קאַרג.—

א גאַנצן טאָג שלינגט זי אַזוי זיך, ביז וואַנען די זון רויט פֿאַרגייט
אין איר פֿלאַמיקן רייץ—
און קופּעסווייז, קופּעסווייז, בלייבן זיי ליגן די זעק אָנגעפּולטע
געדראָשענער ווייץ.

א רעגן אין שניט צייט

ס'האָט פלוצים דער הימל מיט בליי זיך פארצויגן,
די זון וואס געגליט ערשט איז ערגיץ פארגאנגען;
און ס'האָט איבער פעלד זיך א שטורעם צעטראָגן,
א פינסטערניש ס'האָט איבער פעלד זיך פארהאנגען.

און ס'האָט אין דער פינסטער א בליץ דורכגעשפאָלטן,
א דונער עס קנאַלט אָפּ און ס'ברעכט אוים א רעגן.
אויף גיך ווערט אין פעלד באלד די ארבעט געוואָרפן,
און מען לויפט זיך באשיצן, אונטער פאָרוועס און וועגן.

און ס'יאָגן אויף פערד אום קאָלאָניסטן פארסאָפּעט,
מען לויפט און מען ווייסט ניט וואו פריר זיך באהאַלטן.
און דאָ ליגט אין פעלד נאָך די תבואה צעוואָרפן,
ווער ווייסט וויפל ס'וועט נאָך דער שטורעם אָנהאַלטן.

און ס'גיסט אַלץ דער רעגן און שטאַרקער דער שטורעם,
דער ווינט טרייבט מיט אימפּעט, און יאָגט אום די כמאַרעם.
און גאָוטשן זיצן ביי זיך אין די ראַנטשעס,
און טרינקען א מאַטע, און מע שפּילט אויף גיטאַרעס...

נאָכן רעגן.

דאַנקען גאָט, דאַנקען גאָט
ס'האָט שוין אויפגעהערט דער רעגן!
ווידער האָט די זון פאַרשפּרייט זיך,
אויף די פעלדער, אויף די וועגן!

פּנים'ער פון קאָלאָניסטן
זענען פריילעכער געוואָרן,
האָט מען זיך די פערד געזאָטלט
און אין פעלד אַרויסגעפאָרן!

אין זייער פעלד אַרויסגעפאָרן
זייערע פּאַרוועס צו באַקוקן,
צי זיי זענען שטאַרק פאַרנעצטע
צי זיי זענען אפשר טרוקן.

פאָרן זיי די קאָלאָניסטן
מיט אַ שרעק זייער האַרץ באַלאַדן —
ס'איז דאָך ווי זייער גאַנץ פאַרמעגן
ס'טאָר ניט זיין חלילה שאָדן.

קומען זיי זיך צו דער פּאַרווע
שעפּטשעט שטיל זיך יעדער איינער: —
„דאַנקען גאָט, דאַנקען גאָט
וואָס דער שאָדן איז אַ קלײנער"!

די צייט פון מיטאָג עסן.

און אז די זון איז צוגעקומען פונקט אין מיטן הימל,
און א גלייכע אריבער יעדנס קאָפּ, ווי א פייער זייל געהאנגען,
האָבן שוין אין פעלד די פעלד־מענטשן געוואוסט,
אז ערגיץ קלאפּן זייגערס דארט
די צוועלפטע שעה שוין אוים;
די צייט פון מיטאָג עסן! —
האָט א שניידנדיקן פייף די דרעשמאשין געטון
און אפּגעשטעלט איר ברומעדיקן, רוישיקן גערודער,
און מיט א בינטל סנאפּעס אין איר גאָרגל ז'איז געבליבן שטיין.

און אז דער שניידנדיקער פייף פון דערשמאשין,
האָט זיך איבערן פעלד, ווי א דערוואַרטע פרייד,
אויף ווייטער ווייט צעטראָגן,
האָבן אלע מיט אמאל די ארבעט באלד געוואָרפן.
און רוקנס אויסגעבויגענע האָבן זיך פון שווערער ארבעט
גלייכער אויסגעגלייכט
און מידע הענט האָבן דאָס גרויסע טיכל פון דעם האלז אראפּגענומען
און מיט דעם, דעם שוויים פון שטערן אפּגעווישט זיך,
און געוואָרן איז א איילוקער געלויף
פון הונגעריק און דורשטיקע פּעָנעס.
און אלע האָבן זיי געאיילט צום אָרט וואו ס'איז געשטאנען דארט
דער אלטיטשקער גאָנסאלעז.

און ער, דער אלטיטשקער גאָנסאַלעז, שוין א גאוטש ביי די אכציק
איז צווישן אלעמען בארימט געווען אלס בעסטער קאָסינעראָ,
און וואויל איז צו דעם קאַלאָניסט געווען וואס האָט געקראָגן אים
אויף שניט צייט, פאר זיינע ארבעטער אלס קעכער.
עפעס האָט א ברכה זיך אריינגעכאפט
צו אים אין גרויסן שווארצן קעסל,
וועלכער איז געשטאנען אויף א רויט צעזשארעט פייער
וואו עס האָט זיך א פוטשערא פאר די ארבעטער געקאָכט.

און אז מען האָט אים יערערער דאָס בלעכן שיסעלע דערלאנגט,
און ער האָט מיט א ציטערדיקער האַנט דעם מאַלצייט אָנגענאָמען,
האָבן אלע אויף דער ערד זיך אויסגעזעצט,
און געגומען קייען מיט אזוי פיל אפעטיט,
זייער ערליכן, מיט שווייס פארדינטן מיטאָג!

דאָס ליד פון גאוטש.

טאַראַ ראָפּ, טאַראַ ראָפּ! —
רייט דער גאוטש אין סטעפּ,
אויף זיין שלאַנק הויכן גלאַנציקן פערד,
וירט דאָס קוים מיט די פיס אָן די ערד,
אזוי לויפט פלינק זיין פערד. —
טאַראַ ראָפּ, טאַראַ ראָפּ
אין א ווילדן גאַלאָפּ
מיטן גאוטש אין סטעפּ.

טאַראַ ראָפּ, טאַראַ ראָפּ
האלט דער גאוטש זיין קאָפּ
צו דער זון שטאָלץ געשטרעקט
און אונטער זיין פּאָנטשאָ זיין מעסער אין גארטל עס שטעקט,
עס איז דאָך זיין מעסער
פון פריינד אים געטרייער און בעסער
מיט אים איז ער שטארקער און גרעסער
פון יעדערן העלד
וואס מינערט דעם כבוד פון גאוטש אין פעלד,
און ווי ער איז מילד
אזוי ווערט ער ווילד
אזוי ווי א חיה ער רעוועט און שילט,
און גלאָצט מיט די אויגן
און תיכף זיין מעסער פון שיידל געצויגן,
און קריצט מיט די ציינער
זיך שטעלן דעם גאוטש אנטקעגן טאָר קיינער
ביז וואנען געפאלן פוןביידע איז איינער
צי ער, צי זיין שונא
אין בלוט איינגעטונקען, א טויטער אויף דר׳ערד.

טאַרא ראַפּ, טאַרא ראַפּ! —
טראָגט דער פּאַטראַ דעם גאַוטש אין גיכן גאַלאָפּ
אָבער ניט ווי אַמאָל
איבער באַרג,
איבער טאָל,
ווען זיין פּאַמפּאַ פאַר אים איז א פרייע געווען
פאַר דעם גאַוטש אַליין
זיין אייגענע, טיף איינגעוואָרצלטע היים.
ווען דער שטאָלץ פון זיין ראַסע איז ער נאָך געווען.
און אונטער די צווייגן פון פעסטן אָמבו,
וואו ער האָט געוועבט זיך זיין גליק און זיין רו
דאָרט האָט ער זיין ליד,
מיט דער שטאַרקייט פון שטורעם פון פּאַמפּאַ געשמידט,
און האָט ער געזונגען
האָט ווייט אָפּגעקלונגען
און טענער פון בראָנז האָבן טיפער געדרונגען
אין האַרץ פון זיין פּאַמפּאַ
זיין ברייט פרייע היים!

טאַרא ראַפּ, טאַרא ראַפּ! —
טראָגט דער פּאַטראָ דעם גאַוטש
באַרג ארויף,
באַרג אַראָפּ.
איבער שטעג,
איבער וועג

אזוי גאנצענע טעג,
אזוי טרויריק און מיד
קלינגט פון גאוטש אזוי מאָנאָטאָן היינט זיין ליד:
„עס זענען אויף שיפן געקומען פון ווייט
אייראפעאישע לייט
מיט קעלנער געפרעסטע, און העמדער פון זייד
און האָבן זייער האנט אויף מיין פאמפא פארשפרייט
און האָבן מיין פריי פעלד מיט דראָטן פארצוימט
וואָס איך האָב אויף אייביק פאר מיר נאר געטרוימט!..
און אויסגעהאקט זיי האָבן מיין פעסטן אָמבו
און זיי האָבן גערויבט מיר מיין פרייהייט, מיין רו,
און היינט דארף איך זיין א פעאָן ביי זיי —
ווײ מיר און וויי!
און האבן פארשקלאפט מיך, מיין ווייב, און מיין קינד,
אין ערגיץ א ראנטשע מיר לעבן אצינד
אזוי ווי די הינט
וויי מיר און ווינד"!

טאַרא ראָפ, טאַרא ראָפ! —
יאָגט דער פאָטראָ גאַלאָפ.
און דער גאוטש ער זיצט
ווי צום זאָטל געשמידט
שלאנק און שטייף יעדן גליד
און ער זינגט זיך א ניגון, פול בענקשאפט זיין ליד —
און דער עכאָ קלינגט אָפ:
טאַרא ראָפ, טאַרא ראָפ
פון דעם פאָטראָס גאַלאָפ,
און דאס ליד פון דעם גאוטש אין סטעפ!...

די באַלאַדע פון דער פאַרלאָזטער ראַנטשע.

1

בײַ אַ ברעג פון שליאַך,
צווישן הויכע גראָז,
שטייט אַ קליינע ראַנטשע,
ליידיק און פאַרלאָזן.

קיינער וואוינט אין ראַנטשע,
שוין פון לאַנגע יאָרן;
מייז און קאַמאַדרעכאַס,
טועַן דאָרט זיך פאָרן...

דאָרט פאַרבייצופאָרן
האָבן קינדער מורא,
עפּעס שרעקט די ראַנטשע,
שפּרייט אַ מרה־שחורה...

און ווען ס'פאַלט די נאַכט צו
דאָרטן מענטשן זאָגן,
הערט זיך פון דער ראַנטשע
עפּעס אַזאַ קלאָגן...

ווער זשע האָט דאָרטן געוואוינט
אין יענער פארלאָזענער ראַנטשע?
מענטשן וואס ווייסן דערציילן:
געוואוינט האָט א גאוטש דאָרט פאנטשע.

געוועזן איז דאמאלס נאָך פאנטשע
א יונגער, א גאוטש א שיינער,
געהאט א פּאָר שווארץ גרויסע אויגן,
און פערלדיק, בלאנק ווייסע ציינער.

געוועזן זיין פּנים איז טונקל,
פון פעלדיקער זון אפּגעברוינט
און ווער נאר געקענט עס האָט פאנטשען,
פון זיין שלאנקן גוף האָט געשטוינט.

געוועזן איז ער פלינקער פון פּאָטראָס,
שטארקער פון טאָראָס דריי הונדערט,
און ווער נאר געקענט עס האָט פאנטשען,
זיין שטאלץ און גבורה האָט באוואונדערט.

און מ'האָט אים אין געגנט געהאלטן,
פאר גאָר א גרויסארטיקן מיוחס,
ער האָט דאָך געשטאמט פון אמאָליק
אלטן, קאציקישן יחוס.

3

ס'האָט פארליבט זיך פאַנטשע
אין אַ שוואַרצער טשינאַ;
הילדאַ איז די שענסטע
פון גאַנץ אַרגענטינאַ.

הילדאַ איז די שענסטע
און פאַנטשעס גרויסע אויגן,
און זיין האַרץ האָט שטאַרק,
צו הילדאַס האַרץ געצויגן...

האָט אויפגעהערט צו עסן
און האָט ניט געטרונקען
נאָר הילדאַס אויגן רייץ,
צו פאַנטשען האָט געוואונקען...

האָט ער ניט געאַרבעט,
ניט ביינאַכט געשלאָפן
הילדאַס נאָמען נאָר
ר'האָט אין דער שטיל גערופן.

4

ס׳איז געווען א פרימארגן,
פאנטשע ברענט אין הייסן פיבער;
צו זיין בריטן גאוטש הארצן,
מוז ער דריקן היינט זיין ליבער...

און ער גארט אויף זיינע ליפן,
היינט נאך הילדאס אטעם פילן;
און אין הילדאס הייסע ארעם,
מוז ער היינט זיין תאוה קילן...

און ס׳האט פאנטשע אויסגעפוצט זיך,
הילדאן שענער צו געפעלן,
מיט זיין „טשיריפא״ דער גייסטער,
פון די טייערסטע, בעסטע פעלן.

און זיין בריטן לעדער גארטל,
מיט די זילבער קנעפ באשלאגן;
און זיין ווייסע זיידן טיכל,
אויף זיין האלז האט ער געטראגן.

און די גלאנציקי, הויכע שטיוול
מיט די גרויסע זילבער שפארן;
און זיין שענסטן פערד געזאטלט
און צו הילדאס היים געפארן.

5

און ווי נאָר ס'איז פּאַנטשע
צו הילדאַן געקומען,
דאַן האָט ער געשענקט איר,
אַ ווייס בינטל בלומען.

און האָט זי געבעטן,
מיט אים זאָל גיין וואוינען,
מיט זיין גאָטש ליבע
ער וועט איר באַלוינען!...

און ר'האָט איר געשוואוירן,
זי אייביק צו ליבן;
און זייער גליק וועט שיינען
ווי זונען די זיבן.

און אין זיינע אָרעם
ר'האָט זי צוגעצויגן.
— טשע טשינאַ, סע מיאַ!
און קושט אירע אויגן.

קושט היים אירע ליפּן,
בלייבט הילדאַ אַנמעכטיק;
גאָלדענע חלומות
איר וועבן זיך פּרעכטיק.

פון דאַמאָלס אין געגנד,
געוואוסט האָבן אַלע,
ס'איז פּאַנטשע און הילדאַ,
שוין חתן און כלה.

6

האָט פארלאָזן הילדא
איר אלטן פאטערס ראנטשע,
און איז געגאנגען וואוינען
מיט איר שלאנקן פאנטשע.

און געלעבט זיך גליקליך
נאָר ווי ליבסטע קענען;
פון רייכסטן „עסטאנסיערא"
גליקליכער זיי זענען...

זי האָט וועש געוואשן,
ער — געווען „טראָפּערא" ;
און זיין גאנץ פארמעגן,
ז'געווען זיין פערד „אָווערא".

און זיין קליינע ראנטשע,
מיט זיין שיינער הילדן,
און די ברייטע שליאכן,
פון דעם סטעפּ דעם ווילדן...

און די ווייטע וויטן,
פון פאמפאס פרייע וועגן;
דאס אלץ געווען איז פאנטשע'ס
רייכטום און פארמעגן...

7

און אז ס'פאַלט די נאַכט צו,
און עס פינקלען שטערן;
פאַנטשע שפּילט גיטאַרע,
הילדראַ האָט עס גערן.

פאַנטשע שפּילט גיטאַרע,
הילדראַ זינגט אַ ניגון;
זיסע בענקשאַפט טענער
אין דער נאַכט זיך וויגן.

און ס'טראָגט זיך איבער פעלדער
צאַרט, גיטאַרע קלאַנגען
און ס'ציטערט אַפּ אין עכאָ
דינע, ווייכע באַנגען...

און אַזוי איז אַלע,
אַלע אָוונט שעה'ען,
ווען פאַנטשע קומט פון פעלד
צו זיין הילדראַן רוען.

און ביים קליינעם פייער
ביידע טרינקען מאַטע,
צערטלען זיך און קושן
ביז זיי ווערן זאַטע...

8

איינמאָל קומט אן פאנטשע
פונם פעלד צו פאָרן,
הילדא אויף א קאטרע
האָט א קינד געבוירן...

שפרינגט ער צו מיט אימפעט
קושט זי היים, און ווארעם
— טשינא מי קערידא —
נעמט זי אין זיין ארעם.

— הילדא, מי אמאדא —
טוליעט זי צום הארצן,
פלוצים — פאנטשע'ס אויגן
טוען מער זיך שווארצן...

הילדא איז געלעגן
טויט און אויסגעצויגן,
קאַלט איר גאנצער קערפער
און פארגלאָצט די אויגן.

פול אין בלוט געוועזן
איז די קליינע ראנטשע —
איבער הילדאס קערפער
האָט צעוויינט זיך פאנטשע.

ארום הילדאס קערפער
ווי א הונט געקראכן — — —
פלוצים — פאנטשע כאפט זיין מעסער
און דאס קינד דערשטאכן.

און האָס קינדער הערצ?
ר'האָט ארויסגעריסן —
און געשניטן שטיקלאך
מיט די ציין געביסן...

מיט די ציין געביסן
און ארויסגעשפיגן
— ווידאַ פאַר ווידאַ!
האָט פאַנטשע ווילד געשריגן...

און אין ווארעם בלוט
האט פאַנטשע זיך געריועט,
ווי שאַקאַלן טויזנט
פאַנטשע האָט געוואָיעט...

פּולציִם — שפּרינגט אויף פאַנטשע
מיט א ווילד געלעכטער,
און די ווענט פון ראַנטשע
מיט זיין מעסער שטעכט ער...

גיט א פּחאַל מיט אימפּעט
אויף דר'עריד אנידער.
הויבט זיך תיכף אויף,
און ווילד צעלאַכט זיך ווידער...

און ער לאָזט זיך לויפן
אויפן פעלד דעם פרייען —
— הילדאַ! הילדאַ! — הערט זיך
פאַנטשע'ס אויסגעשרייען!...

9

עס דערציילן מענטשן
אז שפּעטער מיט פיל יארן
איז דארט צו דער ראנטשע,
א פרעמדער צוגעפארן

און אראפגעגאנגען
און איז אריין אין ראנטשע,
זעט ער א געשפּענסט:
עס איז געווען פאנטשע.

אלט און גרוי, באוואקסן,
אין דרייען איינגעבויגן,
זיצט דארט ווי א גולם
און אויסגעשטארצט די אויגן.

נעבן אים געלעגן
איז א הויפן ביינער —
מענטשליכע סקעלעטן
א גרויסער און א קליינער.

און ווען ס'פאלט די נאכט צו,
דארטן מענטשן זאגן,
הערט זיך פון דער ראנטשע
עפּעס אזא קלאגן.

און אויף ווייט צעטראָגט זיך
איבער פעלד דעם פרייען:
הילדא! הילדא! — פאַנטשע׳ס
משוגענע געשרייען!...

און אזוי געוועזן
איז דאָרט א סך יאָרן
ביז ס׳איז מיט אמאל
אויף שטענדיק שטיל געוואָרן!...

10

ביי א ברעג פון שליאַך
צווישן הויכע גראָזן
שטייט א קליינע ראַנטשע
ליידיק און פאַרלאָזן...

קיינער וואוינט אין ראַנטשע
שוין פון לאַנגע יאָרן,
מייז און קאַמאַדרעכאַס
טוען דאָרט זיך פאָרן!...

אין גרויסער שטאָדט.

עס איז מיין טראַט שוין אָפּגעוואוינט צו גיין אויף שטיינערנע טראָטואַרן,
מיין אויג עס בענקט נאָך פלאַם פון פעלדיס זוניקן פּאַרגאַנג,
עס גאַרט מיין האַרץ נאָך טרעלן ־ כאָר פון פוינלשן געזאַנג,
ווען כ'בלאָנזשע אום, אין גרויסער שטאָדט, אויף שטיינערנע טראָטואַרן...

דאָ גיי איך אום אויף האַרטן שטיין און חלום: ווייכע שוואַרצערד —
און ס'קלאַרט זיך איבער מיר אין הויך — הימלדיקער בלוי,
און שטילע רו וויגט גראָז באַגרינט, געפּערלדיקטן טוי,
און צאַרט שוועבט אזא ברכה אום אויף מיין אויסגעטרוימטער שוואַרצערד...

און ס'ציען זיך אויף שטרעקעס ווייט די פעלדער, מיינע טרוימען!
באַפרוכפּערטע זיי ליגן אזוי גדלות'דיק צושפּרייט,
פון יעדער זאַנג עס שפּראָצט ארויס מיין זינגנדיקע פרייד —
גוט איז כאָטש אין ענגער שטאָדט פון רחבות ־ פעלד צו טרוימען...